**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/28/2021 **גאווערנער ענדרו מ. קאומאו**

# גאווערנער קאומאו אנאנסירט $900,000 אין גרענט פארטיילט פאר סטעיט פארקס, טרעילס, היסטארישע ערטער, און פובליק לאנד מיטארבעטער ארגאניזאציעס

***ניצט אויס פריוואט און פובליק פאנדינג צו שטיצן 30 פראיעקטן לענגאויס ניו יארק***

גאווערנער ענדרו מ. קאומאו האט אנאנסירט $900,000 אין גרענטס צו שטיצן 30 נאנפראפיט ארגאניזאציעס פארבינדן מיט אפוטרופסות פון סטעיט פארקס, טרעילס, היסטארישע ערטער, און פובליק לאנד.

״ ניו יארק׳ס הערליכע סטעיט פארקס, טרעילס, פובליק לאנד, און היסטארישע ערטער באטן אן ערשטראנקיגע אינדרויסנדיגע פארוויילונג געלעגנהייטן וועלכע זענען פאר צו שטיצן טוריזם און וואקסן לאקאלע עקאנאמיעס,״ **האט גאווערנער קאומאו געזאגט.** ״די מיטארבעטשאפט ארגאניזאציעס שטעלן צו אומשאצבארע שטיצע צו אונזער פארק סיסטעם, און די גרענטס היינט אנאנסירט וועלן העלפן אונטערהייבן באמיאונגען פאר די גרופעס צו בויען א בעסערע סטעיט פארק סיסטעם פאר פילע דורות אין דעם צוקונפט.״

די פארק און טרעיל שותפות גרענט פראגראם ווערט פינאנסירט דורך דער סטעיט ענווייראנמענטאל אפהיט פאנד. די גרענטס שטיצן פארטנער גרופע באמיאונגען צוזאמצושטעלן פריוואטע פאנדס פאר קאפיטאל פראיעקטן, אויספירן מעינטענענס און פארשענערונג אונטערנעמונגען, צושטעלן עדיוקעשען פראגראמען, און הייבן דאס באניץ פון פארקס דורך ספעשל עווענטס.

גרענטס ווערן אדמיניסטרירט אין שותפות מיט דער נאנפראפיט גרופע פארקס ענד טרעילס ניו יארק. באקומער מוזן אריינברענגען פאנדינג פון אינדרויסן אויף ווייניגסטנס 10 פראצענט פון די גרענט סומע.

**סטעיט פארק קאמישענער עריק קולעסייד האט געזאגט,** ״דער פארק און טרעילס פארטנערשיפ גרענט פראגראם ערמעגליכט פאר פריינט גרופעס און אנדערע ארגאניזאציעס צו פארשטערקערן און פארברייטערן זייערע ראלעס אלס אפוטרופוס׳ען פון אונזערע פארקס. מיר זענען דאנקבאר פאר אלע שטיצע דורך די גרופעס און זייער אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו בויען און פארבעסערן די פארק עקספיריענס פאר אלע באזוכער.״

**סטעיט דעפארטמענט און ענווייראנמענטעל קאנסערוועישן קאמישענער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** ״צו באשיצן ניו יארק׳ס לאנד פאר צוקונפטיגע דורות ארבעט DEC האנט-ביי-האנט מיט לאקאלע שותפים און וואלונטירער צו הייבן אויסהאלטבארע באניץ און העלפן אויסהאלטן אונזערע טרעילס פאר די זיכערע און פאראנטווארטליכע געניסן פון דעם פובליק. די היינטיגע פארטיילונגען וועלן אוואנסירן באמיאונגען צו מאכן די פרייע לופט מער צוגענגליך פאר אלע ניו יארקערס און העלפן באזוכער בעסער פארשטיין זייער השפעה אויף די נאטורליכע רעסורסן כדי צו אינספירירן דעם נעקסטן דור פון ענווייראנמענטאלע אפוטרופס׳ען.״

**ראבין דראפקין, פארקס און טרעילס ניו יארק עקזעקיוטיוו דירעקטאר, האט געזאגט,** ״מער און מער מענטשן דערוויסן זיך פון די אינדרויסן און די פרייע לופט, און באזוכענישן צו אונזערע פארקס, טרעילס, און פובליק לאנד הייבן זיך כסדר, און דערפאר נויטיגן מיר זיך אין שטארקע פובליק/פריוואטע שותפות׳ען מער ווי סיי ווען פריער. דער פארק און טרעילס פארטנערשיפ גרענט העלפט אונטערהייבן די ראלע פון פריינט גרופעס אין די נייטיגע פארטנערשיפס.״

גרענטס ווערן געצילט אויף איניציאטיוון וועלכע פארבעסערן די אפהיט, אפּוטרופּסות, אויסטייטש, מעינטענענס, און באקאנט-מאכן פון ניו יארק סטעיט פארקס, טרעילס, היסטארישע ערטער, און פובליק שטחים; פארמערן די אויסהאלטבארקייט, עפעקטיוויקייט, פראדוקטיוויקייט, וואלונטירער, און געלט-צוזאמנעם פעאיגקייטן פאר נאנפראפיט ארגאניזאציעס וועלכע הייבן, האלטן אויס, און שטיצן ניו יארק סטעיט פארקס, טרעילס, און סטעיט היסטארישע ערטער און פובליק לאנד און; הייבן טוריזם און עקאנאמישע אנטוויקלונג בענעפיטן פון אינדרויסנדיגע פארוויילונג דורך דער וואוקס און פארברייטערונג פון א באהאפטענע נעץ פון פארקס, טרעילס, און גרינוועיס לענגאויס דעם סטעיט.

באקומער רעכענען אריין:

**<u>קאפיטאל ראיאן</u>**

- ׳פרענדס אוו פארט קרעילא׳ ($6,500) -- אויסצוניצן די קאפאציטעט צו ציען ברייטערע באקאנטשאפט צו פרענדס אוו פארט קרעילא און דער קרעילא סטעיט היסטארישע ארט דורך פארשטערקערן דעם אורד צוזאמשטעל, אנטוויקלען א שטארקע מיטגלידשאפט פלאן, און אויפשטעלן א וועבזייטל.
- ׳פרענדס אוו גרעפטאן לעיקס סטעיט פארק׳ ($9,506) -- צו בויען קאפאציטעט דורך מעמבערשיפ, וואלונטיר און געבער אנטוויקלונג, און צו פינאנסירן א סעריע אקטיוויטעטן אריינגערעכנט הייקינג, מאונטען בייקינג, זומער פילם סעריעס, פאנדרעיזינג פארקומענישן, באקאנטמאכונג מאטעריאלן, און אנדערע אונטערהאלט איניציאטיוון.
- ׳פרענדס אוו סאראטאגע ספּאַ סטעיט פארק׳ ($75,000) -- צוריקצושטעלן די קאעסע ספרינג האוס, צושטעלן אויסטייטש שילדן וועגן דעם קאעסע מינעראל ספרינג, און אינסטאלירן א היסטאריש אקוראטע נאכגעמאכטס פון דעם ארגינעלן גראניט פאונטען.
- ׳פרענדס אוו בענינגטאן בעטעלפיעלד׳ ($6,750) -- צוצולייגן פראפעסיאנעל פראדוצירטע אודיאו פיילס דורך QR קאוד צו לעצטנס אינסטאלירטע אויסטייטש פענעלס וועלכע שטעלן צו פארשידענע סארטן דערציילונגען פון דעם שלאכט.
- ׳לעיק דזשארדזש בעטעלפיעלד פארק (פארט דזשארדזש) עלייענס׳ ($2,040) -- צו אנטוויקלען, דרוקן, און פארשפרייטן אן דערפרישטער בעטעלפיעלד פארק טור-גייד און רעק-קארטל צו בויען באקאנטשאפט פון דעם נייעם לעיק דזשארדזש בעטעלפיעלד פארק באזוכער אויסטייטש צענטער.

**<u>צענטראל ניו יארק</u>**

- ׳פרענדס אוו קלארק רעזערוועישען ($5,400) -- צו אנטוויקלען א סטראטעגישע פלאן.
- ׳פרענדס אוו פילמאר גלען סטעיט פארק׳ ($13,296) -- צו שאפן קיאסקעס אין דעם פארק מיט מאפעס, אינפארמאציע, און אינפארמירנדע אויסטייטש שילדן און צו אפגרעיד׳ען פארקומעניש שילדן.
- ׳פרענדס אוו לארענזא ($43,020) -- אויסצושטעלן א פארזאמלונג פון מאפעס, בילדער, לאנד רעקארדס, בריוון, און אנדערע היסטארישע דאקומענטן, אויף ניצבארע עלעקטראנישע פארזאמלונגען צו פארלייכטערן אינטעלעקטועלע קאנטראל און באניץ.

**פינגער לעיקס**

- ׳פרענדס אוו לעטשוואורט סטעיט פארק׳ ($50,700) -- צוריקצושטעלן און פרעזערווירן 18 איקאנישע ציווילע קאנסערוואַטיש קארפוס-געבויטע שטיין טאבלעטן ביי דעם וואלף קריעק און עדי״ס פיקניק ערטער.
- ׳סאנענבערג גארדענס ענט מענשען סטעיט היסטאריק פארק׳ ($16,200) -- צו פינאנסירן א קאמפיין און מארקעטינג פלאן ארויסצוהעלפן אין פובליק רילעישענס און געלט-שאפן.

**לאנג איילענד**

- ׳אטלאנטיק מערין קאנסערוועישען סאסייעטי׳ ($23,084) -- צו אינסטאלירן פארבעסערטע עדיוקעשען שילדן ביי ׳העלאק סטעיט פארק פרעזערוו׳ און אריענט ביעטש סטעיט פארק און א נייע אויסשטעלונג אין העלאק סטעיט פארק פרעזערוו׳ס קאמיוניטי צימער ארויסצוהייבן די וויכטיגע עקא-סיסטעמען און וואסער בעלי חיים בייביידע פארקס.
- ׳בעיארד קאטינג ארבארעטום הארטיקולטורעל סאסייעטי׳ ($50,000) -- אויפצונעמען אן עדיוקעשען קאארדינירער צו ארגאניזירן, פארמערן, און פארבעסערן עדיוקעשען פראגראמען צו בעסער סערווירן דעם ארבארעטום און קאמיוניטי.
- ׳וואלט וויטמאן בורט-פלעיס אסאסיעשען׳ ($33,888) -- צו הייבן וויטמאן׳ס מורשה דורך ברייטערע וועבזייטל פעאיגקייטן און מארקעטינג סטראטעגיעס וועלכע וועלן ברענגען אויפמערקזאמקייט, באוואונדערונג, אינטעראקטן, און שטיצע צו די ערד-טייל פון וויטמאן׳ס געבורט.

**מיטל-הודסאן**

- ׳קאלווער-וואוי פרעזערוועישען עלייענס׳ ($36,000) -- צו קאנטראקטן די סערוויסעס פון א קאמוניקאציע און אנטוויקלונג ספעציאליסט וועלכע וועט אוועקשטעלן קריטישע קאמוניקאציעס און אנטוויקלונג אינפראסטרוקטור אריינצוציען פראפעסיאנעלע שטאב, פארברייטערן פובליק און פריוואטע קאנסטיטועציעס, און שאפן געלט פאר קאפיטאל פראיעקטן און פובליק פראגראמען.
- ׳פארט מאנטגאמערי בעטעל-סייט אסאסיעשען׳ ($33,300) -- צו פארריכטן און זיכער מאכן דעם טרעיל אין דעם מערב טייל פון פארט מאנטגאמערי סטעיט היסטארישע ארט -- צווייטער פון א צוויי-פאזע פראיעקט.
- ׳פרענדס אוו די אולד קראטאן אקוועדוקט׳ ($24,875) -- צו פארברייטערן סוקסעספול אוטריטש און קאמיוניטי אריינציע אין אונטערסערווירטע און דיווערס קאמיוניטיס דורך אנהאלטן א פארט-טיים אוטריטש קאארדינאטאר צו הייבן באוואוסטזיניגקייט וועגן דעם אקוועדוקט און פארגינסטיגן די קאפאציטעט פון די ׳פרענדס׳.
- ׳פרענדס אוו ראקעפעלער סטעיט פארק פרעזערוו אינק.׳ ($60,000) -- צו רעהאביליטירן דער היסטארישער אווערלוק טרעיל קארעטע ראוד אין דעם סוואן לעיק טייל פון דעם ראקעפעלער סטעיט פארק פרעזערוו.
- ׳הארלעם וואלי רעיל טרעיל אסאסיעשען׳ ($75,000) -- צו פארריכטן און איבערפלאסטערן איינע פון די עלטסטע אפטיילן פון דעם הארלעם וואלי רעיל טרעיל, וועלכע עס איז א טייל פון טעקאניק סטעיט פארק.
- ׳ליטעל סטאני פאוינט סיטיזענס אסאסיעשען׳ ($13,500) -- צו העכערן צוגענגליכקייט, אפוטרופוס-שאפט, און ענווייראנמענטאלע עדיוקעשען געלעגנהייטן דורך מאכן דעם טרעיל צו דעם ליטעל סטאני פאוינט איבערבליק פונקט מער צוגענגליך.
- ׳וואקוועי אָוווער די הודסאן ($64,996) -- צו פינאנסירן א פאזיציע איבערצוזען איר סוקסעספולע זומער וואקוועי אמבאסאדאר פראגראם (א יוגנט באשעפטיגונג פראגראם), און ארויסצוהעלפן מיט אויפ׳ן בריק אפעראציעס, פארקומענישן, און פארוואלטונג פון דעם נייעם איסט געיט פלאזא.

**מאוהאק וואלי**

- ׳הייד האָלל׳ ($2,830) -- צו פלאנירן, פאבריצירן, און אינסטאלירן פיר אויסטייטש און עדיוקעשען פענעלס וועלכע מאכן באזוכער באקאנט מיט הייד האלל׳ס היסטאריע און אפפערן אן אלגעמיינע ברוכים הבאים און אריענטאציע צו דעם ארט.

**ניו יארק סיטי**

- ׳פור פרידאמס פארק קאנסערוואנסי ($35,000) -- צו פינאנסירן פראגראמען אין עף-די-אר פור פרידאמס סטעיט פארק; פלאנירן, אנטוויקלען, און אויספירן א ריי אויפ׳ן-ארט טורס געגעבן דורך ארטיגע עקספערטן; און אנטוויקלען און אויספירן זעלבסט-געפירטע מאביל טורס אין עטליכע שפראכן.

**נארט קאנטרי**

- ׳אדיראנדעק ארכיטעקטורעל העריטעדש׳ ($30,000) -- צו פארענדיגן א פינף-יעריגע רעהאביליטירונג פון ׳פאוק-א-מונשיין׳ס׳ 1.8 מייל רעינדזשער טרעיל אלס א מוסטער פון אן אינטערעסאנטע, פארשידנארטיגע, און אויסהאלטבארע אויסטייטש טרעיל צו דעם שפיץ בארג.
- ׳אדיראנדעק מאונטען קלוב׳ ($14,139) -- אויפצונעמען איין שטאב מיטגליד פאר א זומער סטואורדשיפ פראגראם צו ווערן סטאנציאנירט אויפ׳ן שפיץ פון ניו יארק׳ס העכסטע בארג פון מאי ביז אקטאבער אויף צוצושעלן עדיוקעישען פאר׳ן פובליק וועגן אלפיין עקא-סיסטעמס און זיי אריינציען אויף צו באשיצן דעם דעליקאטן רעסורס.
- ׳ווינאנע פארעסט רעקריעישען אסאסיעשען׳ ($26,837) -- צו דאפלען די טראדיציאנעלע פארקומעניש טרעיל קורס דורך צולייגן פינף נייע בריקן, דריי נייע טרעילס, און מאכן טרעיל פארריכטונגען, אריינגערעכנט דאס צולייגן א נייע k5 טרעיל וועלכע עס וועט קענען געניצט ווערן דורך הייקערס, מאונטען בייקערס, און טרעיל לויפער.

**דרום טייל**

- ׳פרענדס און די קאטארינע וואלי טרעיל ($13,500) -- צו פארריכטן טרעיל אפשווענקונג דורך אינסטאלירן קולווערטן, איבערפראסטערן, און אינסטאלירן צוויי אויסטייטש קיאסקעס ביי סטראטעגישע לאקאציעס.

**מערב ניו יארק**

- ׳ארטפארק ענד קאמפאני׳ ($50,000) -- צו שאפן אן אויספירליכע וועג-געפון סיסטעם און אריינבויען פובליק ווי-פיי לענגאויס ארטפארק׳ס וועגלעך, און צושטעלן צוגענגליכקייט צו פארשידענע סארטן ארטפארק באזוכער, און צו סערווירן אלס א פונקציאנעלע נייטיגקייט פאר די פארגעשלאגענע אינטעראקטיווע שילד סיסטעם און דאטע קאללעקשען.
- ׳טשאטאקווא קאונטי עקוועסטריען טרעיל סיסטעם, ($64,805) -- צוצושטעלן ענווייראנמענטאל-פריינטליכע אויסהאלטבארע רעהאביליטירונג פון דעם טרעיל באקאנט אלס דער בולעווארד, וועלכע וועט סערווירן אלס קריטישער צוטריט פונקט פאר טרעיל באניצער, און וועלכע עס איז פארמאכט געווען פאר די לעצטע צוויי יאר וועגן געהילץ.
- ׳פרענדס און ריינסטין נאטור פרעזערוו׳ ($6,510) -- צוצושטעלן פערמאנענטע, אויסהאלטעוודיגע טרעילסייד אויסטייטש שילדן לענגאויס דעם ׳היסטאריע טרעיל׳, אריינגערעכנט נייע צוגענגליכקייט איינצלהייטן און אן אודיא טור.

- ׳מארטין האוס רעסטאראַרעישן קארפּאָרעישען׳ ($13,500) -- צו אויפנעמען א קיוראַטאָר אינטערן וואס וועט שטיצן די צווייטע פאַזע פון אַן אויספירליכן פארזאמלונג קאַטאַלאַגירן פראיעקט וועלכע וועט פארשטערקערן די אַפּטרופּוס-שאַפט פון דער פארזאמלונג און זיי מאכן מער צוגענגליך.

באקאנט געמאכט אין דעם גאווערנער׳ס 2021 ׳סטעיט און די סטעיט׳ אדרעס, די ׳עדאָפּט-א-טרעילהעד׳ פראגראם ווערט פארוואלטעט דורך דעם DEC און גיבט פאר דעם פובליק די געלעגנהייט צו שטיצן סטעיט-אנגעפירטע באמיאונגען זיך אפצוגעבן מיט סטעיט לאנד און אינפארמירן באזוכער וועגן דעם ווערט פון פאראנטווארטליכע פארווייַלונג. דער AAT פראגראם שטיצט די אויספירליכע און אנגייענדע באמיאונגען פון DEC צו באהאנדלען אויף אן אויסהאלטבארע אופן די העכערע צאל באזוכענישן צו פובליק שטחים און צושטעלן וויכטיגע אינפארמאציע צו פירן צוקונפטיגע לאנד פארוואלטונג באשלוסן. פאר מער אינפארמאציע אויף דעם AAT פראגראם, באזוכט דעם וועבזייטל פון DEC [דא](#).

פארקס ענד טרעילס ניו יארק איז דער פירנדע סטעיט-ברייטער אדוואקאט פאר ניו יארק׳ס פארקס און טרעילס, וועלכע ארבעט שוין 35 יאר מיט גרעסרוטס גרופעס צו פארשטערקערן פובליק-פריוואטע שותפות׳ען און פארבעסערן ניו יארקערס געזונט, עקאנאמיע, און לעבנס-קוואליטעט דורך דאס באניץ און פארגעניגן פון נאטור ערטער. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט [www.ptny.org](http://www.ptny.org).

דער ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארווייַלונג, און היסטארישע אפהיטונג טוט אויפזעען איבער 250 פארקס, היסטארישע ערטער, פארווייַלונגס וועלגער, און שיף ארויספאר פונקטן, וועלכע ווערן באזוכט דורך 78 מיליאן מענטשן יערליך. פאר מער אינפארמאציע וועגן סטעיט פארק פארווייַלונג ערטער, רופט 518-474-0456 אדער באזוכט [parks.ny.gov](http://parks.ny.gov), פארבינדט אייך אויף [פעיסבוק](#), אדער פאלגט נאך אויף [טוויטער](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418

[זיך ארויסשרייבן](#)